# באקומט די פאקטן וועגן קאלארעקטעל קענסער

קאלארעקטעל קענסער איז די **#2 סיבה פון קענסער טויט** צווישן ניו יארקער, אבער עס מוז נישט זיין אזוי.

**קאלארעקטעל קענסער קען מען פארמיידן.**

**אלע מענטשן 45 יאר און עלטער זאלן זיך אונטערזוכן פאר קאלארעקטעל קענסער.**

## האט איר געוואוסט....

- קאלארעקטעל קענסער קען מען פארמיידן. ווערט אונטערזוכט!
- סקרינינג אונטערזוכן קענען טרעפן קאלארעקטעל קענסער פרי ווען טריטמענטס קען ארבעטן די בעסטע, אדער איידער קענסער הייבט זיך אן.
- קאלארעקטעל קענסער אדער פאליפס מוזן נישט פאראורזאכן סימפטאמען, ספעציעל פון אנהויב אן.ווארט נישט פאר סימפטאמען איידער איר ווערט אונטערזוכט.
- איר קענט נידערן אייער ריזיקע פאר קאלארעקטעל קענסער. עסט געזונט, טוט איבונגען, האלט אן א געזונטע וואג, טרונקט מיט א מאס, און טוט נישט רויכערן.

## נישט געדעקט?

אויב איר האט נישט קיין דעקונג, קענט איר נאך אלץ ווערן געסקרינט. די ניו יארק סטעיט קענסער סערוויסעס פראגראם טוט (Cancer Services Program) פארשלאגן אומזיסטע קאלארעקטעל קענסער סקרינינג פאר בארעכטיגטע, אומגעדעקטע ניו יארק סטעיט איינוואוינער אין יעדער קאונטי אדער בארא.

פארבינדט זיך מיט אייער לאקאלע קענסער סערוויסעס פראגראם אדער רופט **1-866-442-2262** צו טרעפן א פראגראם נעבן אייך.

איר זאלט אויך טראכטן וועגן זיך איינשרייבן אין א העלט פלאן דורך די ניו יארק סטעיט פון העלט. פאר מער אינפארמאציע רופט די הילף ליניע אויף **855.355.5777** אדער באזוכט: **nystateofhealth.ny.gov**

New York State Cancer Services Program

טלעה וא טנעמטראפעד יד ןופ םארגארפ א

New York State Department of Health

SCREENOUTCANCER
Advancing Cancer Prevention Nationwide

2/22 (Yiddish) 19554

## וואס איז קאלארעקטעל קענסער?

קאלארעקטעל קענסער (אויך באקאנט אלץ קאלאן קענסער) איז קענסער וואס פאנגט זיך אן אין די קאלאן אדער רעקטום. די קאלאן און רעקטום זענען א חלק פון די קערפער'ס פארדייאונגס סיסטעם.

אבנארמאלע געוואוקסן (גערופן פאליפס) פאנגען זיך אן אין די קאלאן אדער רעקטאם און, איבער צייט, קען ווערן קענסער.

## פארוואס ווערן געסקרינט?

קאלארעקטעל קענסער סקרינינג אונטערזוכונג קענען געפונען פאליפס וואס קענען ווערן ארויסגענומען איידער זיי טוישן זיך צו קענסער.

סקרינינג אונטערזוכונג קען טרעפן קאלארעקטעל קענסער פרי, ווען טריטמענטן קען זיין די מערסטע ווירקזאם.

**די בעסטע טעסט איז די טעסט וואס ווערט געטון.**

**רעדט צו אייער העלט קעיר פראוויידער און קלויבט די איינס וואס איז ריכטיג פאר אייך.**

## ווער זאל ווערן אונטערזוכט פון קאלארעקטעל קענסער?

יארגאנג איז די נומבער איינס ריזיקע פאקטאר פאר קאלארעקטעל קענסער. **מענטשן פון 45 ביז 75 יאר זאלן ווערן געסקרינט פאר קאלארעקטעל קענסער**. נאכ'ן עלטער 75, פרעגט אייער העלט קעיר פראוויידער אויב איר זאלט ווערן אונטערזוכט.

געוויסע מענטשן זאלן ווערן אונטערזוכט פאר די עלטער פון 45. רעדט צו אייער העלט קעיר פראוויידער אויב:

- איר אדער א משפחה מיטגליד האט געהאט קאלארעקטעל קענסער אדער פאליפס אריינגערעכנט,
- איר אדער א משפחה מיטגליד האט געהאט אינפלאמאטארי באוועל קראנקהייט (IBD) קראנ'ס קראנקהייט אדער אלסערייטיוו קאלייטיס
- אדער ליגנטש (FAP) איר האט א גענעטישע סינדראם, אזוי ווי פאמיליעל אדענאמעטאוס פאליפאסיס סינדראם

## וויאזוי קען איך ווערן אונטערזוכט פאר קאלארעקטעל קענסער?

**ע ס איז דא מער ווי איין וועג זיך אונטערצוזוכן פאר קאלארעקטעל קענסער. איר האט אן אויסוואל!**

### פיקעל אקאלט בלוט טעסט אדער, (FOBT) פיקעל אימיונאקעמיקל טעסט (FIT) FIT-DNA

איר קענט טון די טעסטס אינדערהיים און שיקן סטאל ביישפילן צו א דאקטאר'ס אפיס אדער לעב.

### קאלאנאסקאפי

א קאלאנאסקאפי ווערט געטון אין א דאקטאר'ס אפיס אדער אנדערע מעדיקעל פלאץ. די דאקטאר קוקט פאר געוואוקסן אדער קענסער אין די רעקאם און קאלאן.

### פלעקסיבל סיגמוידאסקאפי

דאס איז ווי א קאלאנאסקאפי, נאר דער דאקטאר קוקט פאר געוואוקסן אדער קענסער אין די רעקטום און אונטערשטע חלק פון די קאלאן.

## וואס זענען די סימפטאמען פון קאלארעקטעל קענסער?

קאלאן קענסער איז צומאל נישט גורם קיין סימפטאמען. א מענטש קען האבן קאלארעקטעל קענסער און דאס נישט וויסן.

אויב עס זענען דא סימפטאמען, קען דאס אריינרעכענען:

- בלוט אין סטאל אדער ענליך צו טאר סטאלס
- ווייטאג אדער קרעמפן אין בויך וואס גייט נישט אוועק
- א טויש אין באוועל מאוומענט געוואוינהייטן - אדער פארשטאפונג אדער שולשל
- פארלירן וואג און נישט וויסן פארוואס

**אויב איר האט סיי וועלכע פון די סימפטאמען, רעדט צו אייער העלט קעיר פראוויידער.**